**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/27/2024

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע וועט אפפערן פעדעראלע הילף פאר לאנג איילענד איינוואוינער און ביזנעסער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען אום אוגוסט 19-18, 2024

***היים אייגנטימער, איינוואוינער און ביזנעסער אין סופאָלק און נעסאו קאונטיס קענען אפלייען פאר הלוואות מיט נידריגע אינטערעסט פון די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע***

***סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס און קאונטי רעגירונג באאמטע האבן דורכגעפירט ערשטיגע אפשאצונגען כדי צו פארשאפן הילף פאר באטראפענע געגנטער נאכפאלגנדיג שווערע וועטער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז פעדעראלע הילף איז דא צו באקומען פאר ניו יארקער אין סופאָלק און נעסאו קאונטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אום אוגוסט 19-18, 2024. היימאייגנטומערס, דינגערס און ביזנעסער זענען יעצט ערמעגליכט זיך אנצוגעבן פאר אמעריקאנע קליינע ביזנעסער אדמיניסטראציע נידריג-אינטערעסט הלוואות צו העלפן אין ערהוילן פון די נאכפאלגן פון די שטורעמס וואס האבן געברענגט באדייטנדע שאדן צו הייזער און ביזנעסער.

"לאנג איילענד איינוואוינער פילן נאכאלץ די ווירקונגען פון אוגוסט'ס עקסטרעמע וועטער, און צוזאמען מיט אונזערע פעדעראלע שותפים, טוהען מיר זיכער מאכן אז קאמיוניטיס האבן די מיטלען וואס זיי דארפן זיך צו ערהוילן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די כוח צו ביישטיין שוועריגקייטן ליגט אין אונזער בלוט אלס ניו יארקער, און מיין אדמיניסטראציע ארבעט פלייסיג צו צושטעלן שטיצע פאר די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די פארפלייצונגען."

היימאייגנטומערס, איינוואוינער און ביזנעסער אין די דערקלערטע קאונטיס זענען יעצט בארעכטיגט פאר SBA הלוואות. SBA הלוואות קענען זיין גאר בייהילפיג פאר בארעכטיגטע מענטשן/קערפערשאפטן וואס נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף צו ארויפגיין אויף די רעלסן צו ערהוילונג, נאכפאלגנדיג וועטער-פארבינדענע קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס.

די דעקלעראציע שטעלט צו הלוואות מיט נידריגע ריבית צו פאררעכטן/ערזעצן געשעדיגטע פארמעגנס וואס איז געשעהן צוליב די וועטער פאר:

- ביזנעסער אדער פריוואטע, וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס ביז 2 מיליאן דאלאר
- היים אייגנטימער אדער טענאנטס ביז $100,000 (צו העלפן פאררעכטן אדער ערזעצן פערזענליכע פארמעגנס)
- היים אייגנטימער ביז $500,000 (צו פאררעכטן אדער צוריקבויען זייער הויפט וואוינונג צו ווי עס איז געווען פאר די קאטאסטראפע)

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (New York State Division of Homeland Security and Emergency Services, NYSDHSES) קאמישאנער, Jackie Bray (דזשעקי ברעי), האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און אונזערע פעדעראלע שותפים פארן ארבעטן פלייסיג פאר די מענטשן פון ניו יארק. די פינאנצירונג וועט גיין א לאנגע וועג מיטן העלפן ניו יארקער זיך צו ערהוילן און זיך צוריק אויפבויען פון זומער'ס שווערע וועטער."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען גיליברענד) האט געזאגט,** "אוגוסט'ס שווערע רעגן און פרעצעדענטלאזע פארפלייצונגען האבן פאראורזאכט חורבנות פאר היימער און ביזנעסער אריבער לאנג איילענד. די קאטאסטראפע הלוואות זענען ווי א רעטונג שטריק פאר לאנג איילענד איינוואוינער, צושטעלנדיג קריטישע שטיצע זיי צו העלפן צוריק אויפבויען און אויפרעכטן זייערע פרנסות. איך באדאנק די SBA פארן אפפערן די קריטישע הילף, און איך וועל פרזעצן צו קעמפן צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן יעדע מיטל וואס איז נאר מעגליך צו פארשטערקערן זייער ערהוילונג פראצעדור נאך שווערע וועטער."

ניו יארקער קענען טרעפן נאך אינפארמאציע, [דאונלאָודען אפליקאציעס און אפּלייען אנליין](#). זיי קענען אויך רופן די SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער (Customer Service Center) אויף 659-2955 (800) אדער שיקן אן אימעיל צו [mailto:disastercustomerservice@sba.gov](mailto:disastercustomerservice@sba.gov). לאקאציעס פאר פערזענליכע הילף און אפליקאציעס וועלן געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען רופן 7-1-1 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר שאדנס צו פיזישע פארמעגנס איז יאנואר 27, 2025. די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר עקאנאמישע שאדן איז אוגוסט 26, 2025.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט NYSDHSES אויף פעיסבוק, X, אינסטעגרעם און לינקעדאין, און באזוכט [dhses.ny.gov](http://dhses.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)